**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אפדעיט ניו יארקער אויף סטעיט אפרוף צו היסטארישע ווינטער שטורעם וואס האט אנגעבעברענגט מער ווי זעקס פיס פון שניי צו קאמיוניטיס אין מערב ניו יארק און די נארט קאנטרי**

***סטעיט אגענטור עמערדזשענסי אפרוף אייגנשאפטן זעצן פאר ווייטער ארויסצוהעלפן לאקאליטעטן אין אפרוימונג און אויפריכטונג באמיאונגען***

***מער ווי 100 נעשענעל גארד מיטגלידער ארויסגעשיקט צו ערי קאונטי צו העלפן איינוואוינער און ארטיגע שטורעם אפרוף***

***ניו יארק סטעיט טרו-ווײ איצט אפן פאר אלע טראפיק און אלע קאמערציעלע וויהיקל רייזע איינצוימונגען זענען אראפגענומען געווארן; עקזיט 55 (לאקאוואנא) בלייבט פארשלאסן צו אלע טראפיק אויסצוהאלטן פארשליסונג פון רוט 219; עקזיט 56 (בלעסדעל) און עקזיט 57 (האמבורג) בלייבן פארשלאסן צו קאמערציעלע טראפיק***

***סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע נעמט אראפ קאמערציעלע וויהיקל פארבאט פון עטליכע סטעיט הייוועיס אין מערב ניו יארק און נארט קאנטרי; רוט 400 אין ערי קאונטי אצינד אפן פאר טראפיק***

***רייזע פארבאט פארבלייבט פאר טיילן פון ערי קאונטי און די שטאט באפעלאו, ארייננגערעכנט די טאונס פון ארטשארד פארק, האמבורג און עוועס; טיילן פון רוט 219 אין ערי קאונטי פארבלייבן פארשלאסן***

***סך הכל איינזאמלונגען פון מער ווי זעקס פיס פון שניי באריכטעט אין ארטשארד פארק, בלעסדעל און האמבורג אין ערי קאונטי, און מער ווי זעקס פיס פון שניי אין וואטערטאון און פארט דראם געגנט, מיט שפיץ שנייפאל ראטעס פון זעקס אינטשעס פער שעה אין ערי קאונטי און פינף אינטשעס פער שעה אין דזשעפערסאן קאונטי***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אפדעיט׳עט ניו יארקער נאכפאלגנדיג דעם היסטארישן ווינטער שטורעם וואס האט באגראבן אפסטעיט קאמיוניטיס אין די באפעלאו און וואטערטאון געגנטער מיט מער ווי זעקס פיס פון שניי זינט דאנערשטאג אוונט.

״א דאנק צו אלע מערב ניו יארקער און אונזערע עמערדזשענסי מענעדזשמענט עקספערטן און איינגעשטעלטע וועלכע האבן פארגעזעצט צו העלפן איינער דעם אנדערן דורכאויס דעם דאזיגן היסטארישן ווינטער שטורעם,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר ארבעטן שעה׳ן נאכאנאנד צו

האלטן יעדער איינער זיכער און מיר מוטיגן אלע ניו יארקער צו פארבלייבן וואכזאם און זיין צוגעגרייט דורכאויס דעם פאטענציעלן לעבנס-דראענדע וועטער אומשטאנד.״

בעפאר דאס אנקום פון ׳לעיק עפעקט׳ שניי אום דאנערשטאג, האט גאווערנער האוקול דערקלערט א סטעיט אָװ עמערדזשענסי פאר 11 קאונטיס און באהאפטענע קאונטיס, וואס פארבלייבט אין קראפט. אין צוגאב, זענען ניו יארקער עמערדזשענסי מענעדזשמענט עקספערטן געווען אין כסדר׳דיגע קאמוניקאציע מיט זייערע ארטיגע קאלעגעס פאר טעג פירנדיג צום וועטער אומשטאנד.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״אדאנק גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, איז געווען פרעצעדענטלאזע קאארדינאציע, קאמוניקאציע און שריט גענומען דורך סטעיט אגענטורן צו העלפן אונזערע ארטיגע קאלעגעס אין האלטן ניו יארקער באשיצט. עלף קאונטיס פארבלייבן אין א סטעיט אָװ עמערדזשענסי און DHSES ארבעט מיט גאווערנער האוקול צו פארזיכערן פעדעראלע הילף צו העלפן ערהוילונג פון דעם היסטארישן שטורעם.״

דער ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס׳ אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט און אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל, דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, ניו יארק סטעיט פאליציי, און טרו-וועי אויטאריטעט האבן אויך פון פאאויס ארויסגעשיקט די פאלגענדע הילפס-מיטלען צו מערב ניו יארק און די נארט קאנטרי:

**<u>נ.י. סטעיט מאשינען אין מערב ניו יארק און נארט קאנטרי</u>**

- 484 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער-טראקס
- 14 שלעפער שארער-טראקס
- 98 גרויסע לאָודערס
- 24 שניי בלאזער
- 39 וויהיקלס מיט טרעקס (פון וועלכע 24 זענען שניי מאבילן)
- 533 דזשענערעיטערס אין די ראיאנען
- 202 טשעינסאָוס אין די ראיאנען

**<u>נ.י. סטעיט מאנשאפט אין מערב ניו יארק און נארט קאנטרי</u>**

- 1,056 DOT און טרו-וועי אפערירער און אויפזעער
- 142 סטעיט פאליציי מיטגלידער
- 150 נעשענעל גארד מיטגלידער
- 24 ICS (אינצידענד קאממענד סיסטעם) איינגעשטעלטע

שניי האט אנגעהויבן צו פאלן אין טיילן פון אפסטעיט ניו יארק אום דאנערשטאג און ביז היינט, איז מער ווי זעקס פון שניי באריכטעט געווארן אין ערי קאונטי און דזשעפערסאן קאונטי אריינגערעכנט האמבורג, בלעסדעל און ארטשארד פארק אין ערי קאונטי און נעטורעל ברידזש אין דזשעפערסאן קאונטי. דורכאויס דער צייט, האבן די געגנטער מיטגעלעבט א שפיץ פון זעקס אינטשעס שנייפאל פער שעה, וואס האט פאראורזאכט גאר געפארפולע רייזע אומשטענדן.

די לעיק ערי שניי פאס איז יעצט דרום פון ערי קאונטי אינעם סאוטערן טיער (קאטאראוגוס, טשאטאקווא און אלעגאני קאונטיס). טאטאלע שנייפאל ביז צו זעקס אינטשעס איז ערווארטעט אין די לאקאציעס מיט שנייפאל ראטעס פון איין ביז צוויי אינטשעס פער שעה. היינט נאכט, איז די פאס ערווארטעט זיך צו הייבן נאכאמאל צו צפון ברענגנדיג נאך איין ביז דריי אינטשעס פון שניי צו דעם שטאט באפעלאו.

שווערע ווינטן ביז 50 מ.פ.ש. זענען ערוואַרטעט הײַנט פאַר פילע לאָקאַציעס, פאַראורזאַכנדיג אַרומגעבלאָזענע שניי אין די מערב קאָונטיס.

אַן אינטענסיווע ׳לעיק עפעקט׳ שטוף פאַס האָט געדרוקט דרום פון דזשעפערסאַן קאָונטי און טוט באַטרעפן דרום לואיס, אָסוועגאָ און ווייטע צפון קאַיוגע קאָונטיס אום זונטאָג. אָסוועגאָ קאָונטי איז ערוואַרטעט צו ערהאַלטן צווי ביז דריי פיס פון שניי דורכאויס מאָרגן צופרי. שנייפאַל ראַטעס ביז פיר אינטשעס פער שעה און ווינטן ביז 40 מ.פ.ש. זענען מעגליך.
גאַווערנער האָוקול און אַרטיגע באַאַמטע זעצן פאָר צו מוטיגן ניו יאָרקער צו פאַרמיידן צו רייזן אין די באַטראָפענע געגנטער אין ביידע ראַיאָנען צו ווייטער ערלויבן שאַרער-טראַק מאַנטשאַפטן און עמערדזשענסי אַפּרופער צו פאַרזעצן

## <u>פעדעראַלע עמערדזשענסי דעקלעראַציע</u>

דער גאַווערנער האָט אַריינגעגעבן אַ ביטע צו פּרעזידענטביידען פאַר אַ פעדעראַלע עמערדזשענסי דעקלעראַציע פאַר קאַטאַראַוגוס, טשאַטאַקווא, ערי, דזשענעסי,דזשעפערסאַן, לואיס, ניאַגאַראַ, אָניידע, אָסוועגאָ, סט. לאָורענס און וויאָמינג קאָונטיס. אויב עס ווערט באַשטעטיגט, וועט די עמערדזשענסי דעקלעראַציע צושטעלן באַלדיגע פעדעראַלע געלטער צו באַטראָפענע קאָונטיס צו שטיצן אַנגייענדע אָפּרוף און רעטונגס אָפּעראַציעס.

## <u>אַגענטור אַקטיוויטעטן</u>

### דיוויזיע פון היימלאַנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס

די ניו יאָרק סטעיט אָפּטיילונג פון היימלאַנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס האַלט אַ נאָנטע אויג אויף וועטער און רייזע אומשטענדן, קאָאָרדינירט סטעיט אַגענטור און אָפּרוף אָפּעראַציעס, און קאָמוניקירט מיט אָרטיגע רעגירונג אינסטאַנצן דורכאויס ווילאַנג די וועטער וועט פאַרקומען. דער סטעיט אָפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט האָט אָנגעהויבן מולטי-אַגענטור קאָאָרדינאַציע קאָללס מיט דעם נאַציאָנאַלן וועטער סערוויס אום מיטוואָך זיך צוצוגרייטן פאַר די רעזולטאַטן פונעם שטורעם לענגאויס אַפּסטעיט ראַיאָנען.

דער סטעיט׳ס עמערדזשענסי אָפּעראַציעס צענטער אין אַלבאַני איז אַקטיוויזירט געוואָרן אום דאָנערשטאָג, ווי אויך אַ ראַיאָנישע אָפּעראַציעס צענטער אין טשיקטאָוואַגאַ, ערי קאָונטי, וואו DHSES קאָאָרדינירט פעלד אָפּרוף מיט סטעיט אַגענטור צוזאַמאַרבעטער אַריינגערעכנט NYSDOT, סטעיט פּאָליצײַ און די טרו-ווײ אויטאָריטעט. אין צוגאַב, זענען OEM שטאַב מיטגלידער אײַנגעגלידערט בײַם ערי קאָונטי עמערדזשענסי אָפּעראַציעס צענטער און קאָמאַנד צענטערן פאַר די טאַונס פון האַמבורג, אָרטשאַרד פּאַרק און עוואַנס צו שטיצן קאָאָרדינאַציע צווישן סטעיט און לאָקאַלע אָפּרוף. דער סטעיט׳ס זאַפּאַסן זענען צוגעגרייט אַרויסצושיקן אײַגנשאַפטן צו אָרטיגע אינסטאַנצן אויסצוהאַלטן סיי וועלכע שטורעם-פאַרבינדעטע געברויכן.

דער סטעיט אָפיס פון פייער פאַרמיידונג און קאָנטראָל האָט געהאָלפן מיט׳ן ראַטעווען מער ווי 150 מענטשן פון געשטראַנדעטע אויטאָס און זיי ברענגען צו זיכערהייט. סטעיט פייער אײַנגעשטעלטע זעצן פאָר ווייטער צו העלפן אָרטיגע אינסטאַנצן מיט׳ן דורכפירן געזונטהייט אונטערזוכונגען אויף אײַנוואוינער און סטרוקטורעלע גאַנצקייט אָפּשאַצונגען.

### דעפּאַרטמענט פון טראַנספּאָרטאַציע

אין מערב ניו יארק, איז רוט 219 פון I-90 ביז פיעטערס ראוד איצט פארשלאסן. ארבעטנדיג אין קאארדינאציע מיט סטעיט און ארטיגע באאמטע, טוט דער דעפארטמענט באאבאכטן אויף אומשטענדן און וועט אפדעיט׳ען דעם פובליק ווען די שאסייען ווערן צוריק געעפנט.

דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע רופט זיך אפ מיט 3,287 סופערוויזערס און אפערעיטערס. שטאב מיטגלידער קענען אויסגעשטעלט ווערן אויף סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט וואס וועט זיך פאדערן, אריינגערעכנט שניי און אייז אפעראציעס, אפלויף, טשיפער, אנלאדענען און שלעפן, און שניידן און ווארפן. אין צוגאב שטייען גרייט 75 אינצידענט קאמאנד סיסטעם איינגעשטעלטע אויף צו שטיצן דעם וועטער אומשטאנד.

דער דעפארטמענט האט אויך געשיקט צוגעגעבענע שארער-טראקס און אפערעיטערס פון אנדערע ראיאנען צו ערי קאונטי אום פרייטאג ווייטער צו העלפן מיט שניי און אייז רייניגונג אפעראציעס, אריינגערעכנט אויף ארטיגע גאסן אין דער טאון האמבורג, דער שטאט באפעלאו, דער ווילעדזש בלעסדעל און דער טאון ארטשארד פארק. דער דעפארטמענט האט אויך געהאלפן דער שטאט נייעגרע פאלס מיט שארער אפעראמיעס אויף הויפט גאסן. DOT שארער-טראקס העלפן אויך מיט שניי און אייז אפעראציעס אויף וויכטיגע רוטס אינערהאלב דעם שטאט וואטערטאון און ווילעדזש בלעק ריווער.

אין צוגאב צו יעצטיגע הילפס-מיטלען, ברענגט DOT אריין קאנטראקטירטע הילפס-מיטלען אויף מערב ניו יארק פון פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק און מערב ניו יארק. דאס איז כולל 64 לאודערס, איבער 130 גרויסע דאמפ טראקס, איין סקיד סטיער, און בערך נאך 200 פערסאנאל.

אלע איינוואוינער לאקאציעס וועלן זיין אויסגעשטאבט פאר 24/7 אפעראציעס דורכאויס דער וועטער פאסירונג און פריאריטעט אפרוימונג אפעראציעס. אלע פאראנענע שניי און אייז אויסריכטונגען שטייט גרייט אויף ארויסשטעלן. פלאט מעכאניקער אין אפעקטירטע ערטער וועלן אויסשטאבן אלע הויפט איינוואוינער לאקאציעס 24/7 אויסצופירן פאררעכטונגען און האלטן טראָקס אויפ׳ן ראוד.

__קאמערציעל וויהיקל פארבאט__

דער קאמערציעלער וויהיקל פארבאט בלייבט אין פלאץ אויף רוּט 219 פון רוּט 39 ביז I-90 - די ראוד בלייבט פארשלאסן. אויף I-81 פון עקזיט 33 ביז די קאנאדישע גרעניץ, זענען טראָקס נאך אלץ פארלאנגט דאס ניצן בלויז דעם רעכטן לעין.

DOT האט אויפגעהויבן איר פולער קאמערציעלער פארבאט ביי די פאלגענדע לאקאציעס:

- אינטערסטעיט 190 - רוט 62 ביז I-90
- אינטערסטעיט 290 - פולן לענג
- אינטערסטעיט 990 - פולן לענג
- רוּט 33 - בלויז עקספרעסוועי טייל
- באפעלאו סקייוועי רוּט 5 - פולן לענג
- רוּט 400 - פולן לענג

**טרו-וועי אויטאריטעט**

טרו-וועי אויטאריטעט פערסאנאל זעצן פאר ווייטער אויפרייניגונג באמיאונגען נאך דעם באדייטנדן ׳לעיק עפעקט׳ שטורעם מיט 657 אפערעיטערס און סופערוויזערס גרייט זיך אפצורופן לענגאויס דעם סטעיט. טרו-וועי האט אריבערגעפירט און ארויסגעשטעלט נאך שטאב מיטגלידער און געצייג פון איר ניו יארק, סירעקיוס, און אלבאני אפטיילונגען אויף צו שטיצן שניי און אייז אפעראציעס און שניי אפפירונג

באמיאונגען אין מערב ניו יארק. ארויסגעשטעלטע רעסאָרסן נעמען אריין אפערעיטער און סופערווייזער, מעכאניקער, גרויסע שארער-טראָקס און גרויסע שניי-בלאזער.

די טרו-וועי האט זיך צוריק געעפנט צו אלע טראפיק און עס זענען מער נישט אין קראפט קיין שום וויהיקל באגרעניצונגען צו דער צייט מיט די פאלגענדע אויסנאמען: טרו-וועי (I-90) עקזיט 55 (לאקאוואנא) בלייבט פארשלאסן צו אלע טראפיק אויסצוהאלטן פארשליסונג פון רוט 219. אין צוגאב, עקזיט 56 (בלאסדעל) און עקזיט 57 (האמבורג) בלייבן ווייטער פארשלאסן צו קאמערציעלע טראפיק צו פארמיטלען אויפרייניגונג באמיאונגען אין די דאזיגע ערטער.

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן געניצט אויף צו ווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי. די טרו-וועי אויטאריטעט ראט אויך פאר דרייווער צו דאונלאד'ען איר [מאביל עפ](#) וואס איז צו באקומען בחינם אויף 'איי-פאן' און 'ענדראוד' מכשירים. דער עפ גיבט דרייווער דירעקטע, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת'ן זיין אויפ'ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויפשרייבן פאר [TRANSalert](#) אימעילס, וועלכע באריכטן די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי. איר קענט נאכפאלגן די טרו-וועי אויטאריטעט אויף טוויטער: [@ThruwayTraffic](#) און [@NYSThruway](#) און אויף פעיסבוק ביי [NYS Thruway Authority](#).

**'נעשענעל גאַרד'**
אויף דער אנווייזונג פון גאווערנער האוקול, האט דער ניו יארק נעשענעל גארד 109 סאלדאטן און לופטקראפט-לייט אויפ'ן פליכט אום זונטאג אויף צו שטיצן דעם סטעיט אפרוף צום שניי שטורעם. נאך 75 סאלדאטן און לופטקראפט-לייט, מיט אינזשינערונג וויהיקלס, וועלן אפפירן שניי, וועלן זיין באאויפטראגט היינט, נאוועמבער 20. נאך געצייג וואס ווערט ארויסגעשטעלט רעכנט אריין פיר פראנט-עק לאודערס און אכט, 10-טאָנענדיג דאמפ טראקס פון דעם 204'סטן אינזשינער באטאליאן און דעם 152'סטן בריגאדע אינזשינער באטאליאן; נאך האָמוויס און פערסאנאל פון דער 102'סטער מיליטערישע פאליציי באטאליאן אין אובורן, און דאס 174'סטער אטאקע פליגל אין סירעקיוס, וועלן אויך צושטעלן אלגעמיינע אפרוף און ברוכווארג אפרוימונג.

אום שבת, האבן די 'נעשענעל גארד' טרופס ארויסגעהאלפן די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט מיט'ן אפרוימען טייל פון דער טרו-וועי, אפגערוימט ראודס אין טאון אָוו האמבורג און טראנספארטירט מענטשן צו מעדיצינישע אפוינטמענטס. אנדערע טרופּס ארויסגעשטעלט פאר דער מיסיע זענען געקומען פון דעם 2'טן סקוואדראן, 101'סטע קאוואלאריע רעזשימענט, און דאס 107'סטע אטאקע פליגל און דער 105'סטער מיליטערישער פאליציי קאמפאני. די 'נעשענעל גאַרד' פערסאנאל ניצן ניאגארא פאָלס 'עיר רעזערוו' סטאנציע אלס א באזע צו שטיצן די שניי שטורעם מיסיע

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי האט צוגעלייגט נאך פאטראלן צו די געגענטער וועלכע זענען די מערסטע אפעקטירט געווארן דורך די 'לעיק עפעקט' שניי, און האט אויך גרייט געמאכט נאך ספעציעלע פאר-מיטלען, אריינגערעכנט יוטיליטי אויפגאבע פאר-מיטלען און סנאומאבילן, אין יענע ראיאנען. אלע פאָר-וואהיל-דרייוו וויהיקלס זענען ארויסגעשטעלט געווארן, און טרופּ עמערדזשענסי קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע'טעסט געווארן.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן אומגעפער 5,780 ארבעטער גרייט איבער'ן סטעיט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף, פארריכטונג און אויפריכטונג ארבעט. דאס איז כולל נאך 280 אינדרויסנדיגע FTE געשאפן דורך 'נעשענעל גריד'. NYSEG האט נאך 224 קאנטראקטירטער ליניע ארבעטער און 99

קאנטראקטירטע בוים ארבעטער גרייט געמאכט אויף זיך אפצורופן ווי נייטיג. DPS שטאב מיטגלידער וועלן נאכשפירן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער אומשטענדן און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

## <u>ווינטער זיכערהייט עצות</u>

### ווינטער ארומפארן

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייווען רעכענען אריין:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו׳ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- גיבט אפ אכט אויף בריקן וויבאלד אייז קען זיך פארעמען שנעלער ווי אויף די ראודס.
- אויב איר מוזט פארן, מאכט זיכער אז איר האט אין אייער קאר איבערלעבעניש חפצים און געצייג, ווי למשל קאלדרעס, א שאוועל, פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס, עקסטערע ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג-געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אויב איר נייטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמוניקאציע מיטל, ווי למשל א טו-וועי-ראדיא, צו דער האנט, האלטס דער באטעריע גע׳טשארדזש׳ט און האלטס עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער׳ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; גוטע זעעוודיגקייט איז דאס שליסל צו גוטע דרייווען. פלאנירט אייערע סטאַפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטער באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. כסדר האלטס אייער ספיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראַקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויניגער ווי דער באשטימטע ספּיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפריט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שניי-שארער-טראַקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצורוימען עטליכע לעינס אויף א מאל.
- דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שניי-שארער-טראַק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שניי-שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער׳ן שארער-טראַק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פרובירן פארבייגיין שניי-שארער-טראַקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו׳ען גוט אפגעזונדערט פון די שניי-שארער-טראקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט נישט קיינמאל דורכצופארן נעבן א שניי שארער-טראַק בשעת עס ווערט אפערירט.

### שווערע אנשטרענגונג

שווערע אנשטרענגונג, ווי למשל דאס שאוועלן שניי, אפריייניגן ברוכווארג אדער שטופן א קאר, העכערן די ריזיקע פון א הארץ אטאקע.

אויף אויסצומיידן פראבלעמען:

- בלייבט ווארעם, טוט זיך אן ווארעם און גייטס פאמעליך ווען איר ארבעט אינדרויסן.
- רוט זיך אפ אפט אויף אויסצומיידן דאס איבערארבעטן זיך.
- אויב איר שפירט ווייטאג אין ברוסטקאסטן, קורצע אטעמען אדער ווייטאג אין די קייער גייענדיג אראפ דעם ארעם, שטעלט זיך אפ און זוכט הילף תיכף ומיד.

**ענערגיע קראפט אויסלעשונגען**
- רופט אייער יוטיליטי פירמע צו באשטימען געגנט פארריכטונג סקעדזשולס
- לעשט אויס אדער פלאג׳ט אויס לעמפלעך און אויסריכטונגען כדי נישט איבערצולאדענען דעם צירקוט ווען סערוויס ווערט צוריקגעשטעלט; לאזט איין באלייכטונג אנגעצינדן אויף צו ווייזן ווען עלעקטרישע קראפט איז צוריקגעשטעלט געווארן
- אויב היץ גייט אויס בשעת א ווינטער שטורעם, האלטס אייך ווארעם דורך פארשליסן צימערן וואס איר דארפט נישט האבן

**הייצונג זיכערהייט**
- ניצט בלויז זיכערע קוואלן פון אלטערנאטיווע היץ ווי למשל א פייערפלעיס, קליין גוט-אויסגעלופטערטע האלץ אדער קוילן אויוון אדער באוועגיגע ספעיס הייצער
- פאלגט שטענדיג נאך די אנווייזונגען פונעם פאבריקאנט
- ביים ניצן אלטערנאטיווע הייצונג מיטלען ווי למשל א פייערפלעיס, האלץ-הייצונג-אויוון, וכדו׳, מאכט אלעמאל זיכער אז איר האט געהעריגע ווענטילעישען
- האלטס פירהאנגען, האנטעכער און טאפ-האלטערס אוועק פון הייסע אויבערפלאכן
- האלטס ביי זיך א פייער עקסטינגווישער און רויעך דערשפירער און מאכט זיכער אז זיי ארבעטן
- אויב איר נוצן נאפט הייצער אלס א הוספה צו אייער געווענליכע הייצונג ברענשטאף, אדער אלס עמערדזשענסי הייצונג, פאלגט נאך די זיכערהייט עצות:
  - פאלגט די אנווייזונגען פונעם פאבריקאנט
  - ניצט בלויז די ריכטיגע ברענשטאף פאר אייער אפאראט
  - פילט אן מיט ברענשטאף נאר אינדרויסן און נאר ווען די אפאראט איז אפגעקילט
  - האלטס די הייצונג מיטל לכל הפחות דריי פיס פון מעבל און אנדערע ברענעוודיגע חפצים
  - ווען איר ניצט די הייצונג, ניצט פייער באשיצונגען און לופטערט אויס געהעריג

פאר מער זיכערהייט עצות, באזוכט https://dhses.ny.gov/safety.

###